**גוט שבת אלע אידן.** הרב חיים ג. כהן, (נישט זיין עכטע נאמען) איז א איד וואס טוט אסאך אין דעם קירוב פעלד מיט אידן פון ארץ ישראל וואס וואוינען אין אמעריקא. ר' חיים ארבעט צוזאמען אסאך מיט א איד וואס הייסט יוני אלון, וואס קומט אויך פון ארץ ישראל. אמאל, אפאר יאר צוריק אין דעם שבת בעפאר ראש השנה, האט יוני איינגעלאדענט עטליכע פרייע ארץ ישראלדיגע משפחות צו קומען צו א שבתון, א "שבת התועדות" אין א גרויסע האטעל אין דעם ניו יארק געגענט.

יענע חברה פלעגט קומען אין מיטן די וואך צו שיעורים וואס יוני האט מסדר זיין. אבער די "חברה" איז קיינמאל נישט צוזאמענגעקומען אויף א שבת. יוני האט געוואוסט אז די הייליגע שבת האט אזא שטארקע כח צו טוישן זייער לעבנס. און עס קען זיין אז דורך היטן נאר איין שבת, וועט עס טאקע זיין גענוג צו מאכן זיי סוף כל סוף עכטע שומר שבת אידן.

יוני האט אפילו געזאגט פאר די פרייע חברה אז טאמער זיי גיין היטן די לעצטע שבת פון די יאר, וועט עס ווערן גערעכנט אזוי ווי זיי האבן געהיטן אלע שבתות אין די גאנצע יאר. אפילו אז יוני האט באמת נישט געוואוסט קיין ריכטיגע מקור צו זאגן אזא זאך, האט ער אביסל מגזם געווען צו שלעפן דעם עולם צו קומען צו דעם שבתון.

ב"ה אז יוני האט מצליח געווען צוצורעדן די חברה, און א גרויסע עולם איז טאקע געקומען צו דער שבת התועדות. בקיצור, די שבת האט ב"ה זייער שטארק מצליח געווען. דאס דאווענען און די שבת סעודות זענען געווען זייער דערהויבן. דער עולם האט זיך מחיה געווען מיט לעבעדיגע זינגען, און טאנצען, דברי תורה און געשמאקע עסן לכבוד שבת מלכתא. ר' חיים, וואס האט געפירט דעם שבת צוזאמען מיט יוני, איז זייער צופרידען געווען צו זען ווי די משפחות זענען טאקע אסאך נענטער געקומען צו מקבל זיין אויף זיך שמירת שבת כהלכתה.

עס איז געקומען די הויכע צייט פון שלוש סעודות. ר' חיים האט ארומגעקוקט דעם עולם, פרובירנדיג אפצושאצן ווער האט האט באמת באקומען אן עליה פון דעם שבת קודש. ר' חיים האט באמערקט אז א חלק פון די אידן פון דער גרופע זענען געווען אביסל נערוועיז. (עס קען זיין, ווייל יענע אידן האבן גערייכערט, און דאס איז געווען דאס ערשטע מאל אין לעבן וואס זיי האבן ב"ה נישט גערייכערט שבת, וועגן דעם האבן זיי שוין געווארט אויף מוצאי שבת צו קענען נעבאך רייכערן.)

בקיצור, ר' חיים האט געזען אז דאס וועט זיין אפשר זיין לעצטע געלעגנהייט אין די שבת צו "כאפן" דעם עולם. דערפאר, האט ער גענומען דערציילן ביי ש"ס א מורא'דיגע מעשה צו זיי וועגן מסירות נפש פאר שמירת שבת.

ר' חיים'ס מאמע איז אויפגעוואקסן אין ניו יארק אין די יארן צווישן די צוויי וועלט מלחמות. אזוי ווי עס איז באוואוסט, יענע צייטן איז די נסיון נעבאך געווען בטחון אין דעם באשעפער אין ענייני פרנסה. אסאך אידן זענען נעבאך אוועקגעפאלן פון אידישקייט ווייל זיי האבן ליידער געארבעט שבת ווייל זיי האבן מורא געהאט אז טאמער זיי וועלן נישט ארבעטן שבת וועלן זיין נישט האבן וואס צו עסן.

ר' חיים'ס זיידע, זיין מאמע'ס טאטע, איז בעצם געווען אן ערליכע איד, אבער עס זענען געווען שווערע צייטן און ליידער איין טאג האט ר' חיים'ס זיידע זיך אויפגעגעבן און ער האט געעפענט זיין צורינג געשעפט אין שבת קודש, רח"ל. זיין זיידע'ס טעות איז געווען אז ער האט געמיינט אז דורך ארבעטן שבת וועט ער האבן פרנסה פונעם "נותן לחם לכל בשר." אבער אויב פרנסה קומט פון השם, וויאזוי וועט מען באמת מצליח זיין אויב מען טוט קעגען השם?

ר' חיים'ס מאמע איז דעמאלט געווען א קליין מיידל. זי איז איבערראשט געווארן צו זען אירע טאטע ארבעטן שבת. אבער זי איז ליידער זייער שנעל צוגעוואוינט צו דעם, און ווען עס איז געקומען די נעקסטע שבת זענען זי מיט אירע צוויי ברידער אויך נעבאך געווארן מחלל שבת. יענע שבת זענען זיי געגאנגען "אייז גליטשן" אין צענטראל פארק, רח"ל. עס האט נישט גענומען לאנג ביז דאס מיידל איז אראפגעפאלן אויפן אייז און זי צעבראכן אירע ארם.

שפעטער ווען זי איז אהיימגעקומען איז אירע טאטע שוין אויך אהיימגעקומען פון ארבעטן שבת. זי האט געהאט שטארקע יסורים אין אירע האנט, און זי האט חרטה געהאט אויף אירע חילול שבת. זי האט דעמאלט אנגערופן צו אירע טאטע זאגענדיק אז זי ווייסט אז דעם אומגליק איז געשען ווייל שבת האט א כח צו היטן א איד, און וויבאלד אז זי האט נישט געהיטן שבת, האט די הייליגע שבת נישט געהיטן אויף איר! נאך מער, האט זי געזאגט צו אירע טאטע, אז טאמער ער וואלט געהיטן שבת, וואלט זי קיינמאל נישט צעבראכן אירע ארם!

בקיצור, דאס איז אלעס וואס אירע טאטע האט געדארפט הערן. ער איז ב"ה געווארן שומר שבת נאכאמאל צוזאמען מיט די גאנצע משפחה! און דורך דעם איז ר' חיים געווארן פרום, ב"ה!

די גרופע ביי שלוש סעודות האבן אלע צוגעהערט צו ר' חיים'ס מעשה מיט גרויס אינטערעס. איין איד איז צוגעקומען צו ר' חיים בעפאר מעריב און ער האט אים געזאגט אז ער איז נתעורר געווארן פון דעם מעשה, און ער האט זיך אפגעמאכט אז ער גייט ווערן שומר שבת אינגאנצען!

די הייליגע תורה רעדט די וואך וועגן די מצוה צו ציילען די בני ישראל. פארוואס האט דער אייבערשטער געהייסן אז משה רבינו ע"ה זאל ציילען די אידן? ווייסט דען נישט דער אייבערשטער די מספר פון כלל ישראל? נאר, די תורה קומט אונז צו לערנען א וויכטיגע ענין: יעדער איד איז חשוב אין השי"ת'ס אויגען. אזוי ווי דער מדרש איז מסביר, דער אייבערשטער האט אונז אזוי ליב, אז ער טוהט אונז כסדר ציילען. (מדרש רבה במדבר פרשה ב סימן יט). וועגן דעם, איז דורך מקרב זיין אידן זענען מיר מקיים די מצוה פון "הדבק במדותיו," ווייל מיט קירוב ווייזט מען אהבת ישראל. **גוט שבת אלע אידן.**

**נתנדב לרגל נישואי החתן אליעזר הלוי פעלזן נ"י עב"ג למזל טוב**

לע"נ ר' יעקב בן ר' נפתלי ע"ה :: לע"נ ר' יצחק בן ר' שמעון ע"ה :: נא לעיין בגליונות אחר התפילה ולא באמצע, כדי לזכות ולא להכשיל

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג (845) 362–3234